ר' יצחק העלפאנד
(ראש ישיבה)

פולטוסק האט זיך גערעכנט פאר איינע פון די חסידישע שטעט ארום ווארשע. אין די שבתים האט מען עס בפירוש געקאנט זען, ווייל פול זענען דעמאלט געווען די חסידישע שטיבלעך פון גערער, אלעקסאנדערער, ראדזימינער, אטוואצקער, אמשינאווער, טריסקער און סעראצקער חסידים מיט אטלאסענע קאפאטעס, סאמעטענע קאפלעך, זיידענע גארטלען און וואלענע טליתים מיט זילבערנע עטרות. פרעמד איז זיי געווען דער קאלטער ליטוויש־מתנגדישער נוסח, סיי אין לערנען סיי אין דאווענען. אבער נישט האבנדיק אין פולטוסק קיין ישיבה לויטן חסידישן שטייגער, האבן זיי געהאנדלט אין איינקלאנג מיטן פאלקס־ווערטל: „אז מ'קאן נישט אריבער מוז מען ארונטער" ד.ה. איידער פולטוסק זאל חס וחלילה בלייבן אינגאנצן אן א ישיבה, טא זאל שוין זיין א ליטווישע...

עס איז געווען דאן, ווען אין שטאטישן בית־המדרש האט זיך באוויזן די ערשטע „ראזוויעדקע" פון די נאווארדקער אין געשטאלט פון א יונגערמאן מיט א פנים איינגעראמט אין א פעכיק־שווארץ בערדל, אין א שווארצע שליאפע אויפן קאפ און אין א טונקעלער דריי פערטלדיקע קאפאטע. אויף די ברעטער פונעם בעלעמער, בין מנחה־למעריב, ווען ער האט אפגעהאלטן זיין ערשטן פייערדיקן דרשה־רעפעראט, האט ער גלייך צוגעשמידט צו זיך דעם עולם. פון זיין מויל האבן זיך געשאטן אן א שיעור מאמרי־חז"ל, משלים מיט נמשלים.

פערלדיקע רייד האָבן זיך געקאָלערט איבערן בית־המדרש, באַגלייט מיט אַ ספּעציפיש סקאַרבאַוון אַנגענומענעם ליטווישן ניגון. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ שוואַרצן פלאַקער פונעם בעלעמער אַראָפּ. פאַרכישופט איז מען געווען סיי פון זיין פערזענלעכן, אַקוראַטנעם אויסזען, סיי פון זיין אַרט רעדן. מ׳וואָלט אַזוי געשטאַנען און געשטאַנען און נישט מיד געוואָרן אים צו הערן.

ר׳ הלל וויטקינד איז געווען דער דאַזיקער יונגערמאַן, אַ שליח פון די נאַוואַרדקער „בית־יוסף״־ישיבות. געוואַנדערט האָט ער איבער שטעט און שטעטלעך, כדי אויסצוגעפינען מקומות, וווּ מ׳קאָן גרינדען ישיבות פאַר דער רעליגיעזער יוגנט, זיי זאָלן נישט ווערן אָפּגעריסן פונעם תורה־קוואַל.

הרב ר׳ הלל וויטקינד, דער היינטיקער ראש־ישיבה פון דער ליטווישער נאַוואַרדקער מוסר־ישיבה אין תל־אביב, האָט דאַן געוואָרפן די זריעה אויף אַ צעאַקערט און צוגעגרייט פעלד און אין משך פון אַ קורצער צייט איז געגרינדעט געוואָרן אין פולטוסק אַ נאַוואַרדקער מוסר־ישיבה „בית יוסף״, אויפן נאָמען פון ר׳ יוסף יוזל (הורביץ), דעם באַוווּסטן גאון און חכם, דעם גרויסן בעל־מוסר און נאָכפאָלגער פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער.

אַלס ראש־ישיבה איז געשיקט געוואָרן ר׳ יצחק העלפאַנד, אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן אין די נאַוואַרדקער קרייזן ר׳ יצחק סלאָנימער, לויט זיין געבוירן־שטאָט.

ר׳ יצחק העלפאַנד איז געווען אַ גרויסער למדן מיט אַן אַנאַליטישן מוח, פול מיט שאַרפזין. מיטן בליק האָט ער דערקענט זיינע תלמידים און געוווּסט פון פאַרויס אָפּצושאַצן יעדן איינעם. ער איז געווען איינער פון די געציילטע תלמידי חכמים, מיט וועלכע מ׳האָט זיך גערעכנט אין דער צענטראַלער לייטונג פון די נאַוואַרדקער ישיבות. ער איז געווען דער שוואָגער פון באַוווּסטן ביאַליסטאָקער ראש־ישיבה, הרב הגאון ר׳ אברהם יאפין און אויך פונעם ראש פון דער נאַוואַרדקער ישיבה אין וואַרשע, אויף פראַנציסקאַנער, דעם באַקאַנטן רב און גאון ר׳ אברהם מירער.

ר׳ יצחק העלפאַנד איז געווען זייער אַן ערנסטער מענטש מיט אַ למדנישן שטערן און ברוין־שוואַרצע, האַלב־פאַרחלומטע אויגן. טיף פאַרטראַכט האָט ער אַרומגעשפּאַצירט איבערן בית־המדרש פון וואַנט צו וואַנט, די הענט פאַרשטעקט אין די אַרבל, אַ מאָל פון פאָרנט, ס׳רוב מאָל פון אונטן, אַנבאַלאַנגט פון דער שטימונג און פון די רעיונות, וואָס האָבן אים געעגבערט. איז ער געווען פאַרטראַכט אין לערנען, האָט ער די הענט געהאַלטן פאַרשטעקט פון אונטן, איז ער געווען פאַרנומען מיט ציגרייטן אַ מוסר־שמועס, האָט ער די הענט געהאַלטן אין די אַרבל פון פאָרנט. זיין שאַרפזיניקער מוח האָט אומאויפהערלעך געאַרבעט. גייענדיק איבערן בית־המדרש אהין און צוריק, האָט ער אין זיין זכרון געמישט מסכתות מיט מפרשים און אָפּגעשטעלט זיך ביי אַ נישט קלאָרע שטעלע אין איין מסכתא, וואָס איז געווען פונקט דער היפך צו אַן אַרט אין אַ צווייטע מסכתא. אויף וואָס ער האָט געמוזט געפינען אַ תירוץ, ווייל „תורת ד׳ תמימה און יעדער קשיה מוז פאַרענטפערט ווערן...*.

די שאלות ותשובות, וועלכע ער האָט דורכגעפיבערט אין משך פון עטלעכע שעה, האָט ער יעדן דאָנערשטיק פאַרנאַכט איבערגעחזרט פאַר די העכערע כיתות. וועלכע זענען געשטאַנען אין אַ קרייז אַרום דעם שטענדער, אויף וועלכן ער איז געווען אָנגעשפּאַרט. דאָס האָט מען גערופן „דער פלפול פון דער וואָך״, ווייל ער האָט געהאַט אַ שייכות צו דער מסכתא, וואָס די ישיבה־בחורים האָבן געלערנט אין משך פון דער וואָך. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט דעם פלפול און אפילו ווען ער איז געווען פאַרקילט, איז ער געקומען מיט אַ טיכל אַרומגעבונדן דעם האַלדז. די תלמידים האָבן פון אַזאַ פלפול „געלעקט די פינגער״, ווייל דאָס האָט געשאַרפט דעם מוח און אויך אָנגערעגט צו אַליין טראַכטן, מחדש צו זיין און זוכן קשיות און זיי צו פאַרענטפערן מיט אייגענע כוחות.

ר׳ יצחק העלפאַנד האָט זיך אַ גאַנץ יאָר פאַרנומען — בעיקר — מיטן לערנען. זייער ווייניק צייט האָט ער געווידמעט אויף מוסר־שמועסן. מיט דעם האָט זיך פאַרנומען איבערהויפּט זיין שוואָגער, בערל אַסטראַלענקער, וועלכער איז געווען דער מנהל הישיבה. אַ קליינגעוויקסיקער יידל מיט אַ בייכל און אַ לאַנגער נאָז. קיין גרויסער למדן איז ער נישט געווען, גאָר אַ שוואַכער קענער אין תלמוד, איבערהויפּט פון מפרשים. ער האָט זיך נאָר געגריבלט אין מוסר־ספרים ווי: „מסילת־ישרים״, „חובת־הלבבות״, „שער התשובה לרבנו יונה״ און אין די צען מדרגות־האדם. ער פלעגט דאָס איבערחזרן און אַריינקנעלן אין די מוחות פון די ישיבה־בחורים. זייער אָפט פלעגט ער לויפן „נקיות״, צוריקקומען און זיך לאַנג לאַנג וואַשן די הענט ביים כיור. זיין באַליבט ווערטל איז

* דער ליטווישער נוסח לערנען „אויפן אָרט״ איז מחייב דערצו אַז קיין שום ספק זאָל נישט איבערבלייבן. אגב ווערט געזאָגט, אַז אַ ליטוואַק איז בטבע מער חשדניק און נישטערער ווי למשל, אַ פּױלישער אָדער אַן אַנדערער. זאָל דאָס אפשר זיין צוליב אַנטאָגראַפישן גורם. וואָס ליטע האָט געשטעקט צווישן 2 פאַר איר פאַרדעכטיקע מדינות: דייטשלאַנד און רוסלאַנד. וועלכע האָבן שטענדיק געוואָרפן אַן אויג אויף איר... און ס׳איז אַ כלל אַז אַ חשדניק לאָזט זיך נישט לייכט פאַרדרען. פאַרשט, זוכט און נישטערט אַזוי לאַנג ביז ער דערגרונטעוועט זיך צו עפּעס (רעד.).

געווען „אַז וואָס איז אַ מענטש ? אַ מענטש איז דאָך ניט מער ווי אַ סמעטניק״...

אָבער איין חודש אין יאָר האָט דער ראש־ישיבה, ר׳ יצחק, ממש געפיבערט מיט די געדאַנקען און רייד אין זיינע מוסר־שמועסן און דאָס איז געווען אינעם תשובה־חודש אלול, ווען „אַ פיש אין וואַסער ציטערט״. אין דעם חודש פלעגט דער ראש־ישיבה זיך אַריינוואַרפן אין די מוסר־ספרים בלב ונפש און יעדן שבת צו נאַכטס פלעגט ער איינאָרדענען אַ התעוררות־אוונט פאַר די בני הישיבה אין בית־המדרש. מיט זיין שמועס האָט ער נישט נאָר געוועקט צו תשובה די לעבעדיקע ברואים. נאָר עס האָט זיך געדוכט, אַז אפילו די דוממס אינעם בית־המדרש זאַפן אַריין ר׳ יצחקס מוסר־רייד, וואָס שניידן ווי מיט מעסערס אַלע רמ״ח איברים.

באַלד נאָך „הבדלה״, ווען אַלע מתפללים האָבן פאַרלאָזט דעם בית־המדרש און איינער האָט דעם צווייטן געווונטשן „אַ גוטע וואָך״ און עס זענען בלויז געבליבן די בני הישיבה, האָט דער ראש־ישיבה זיך אַוועקגעשטעלט ביים הילצערנעם שטענדער וואָס איז געשטאַנען ביים עמוד, וו די ברענענדיקע ליכט האָבן באַלויכטן דעם „שויתי״ לעבן ארון־קודש מיטן פלושענעם פרוכת. אַרום אים האָבן זיך געטוליעט ווי שעפסן אַלע ישיבה־בחורים מיט די מדריכים און מיטן מנהל. מען האָט אויסגעלאָשן די ברענענדיקע ליכט און די עלעקטרע און אין דער פינצטערניש האָט יעדן באַהערשט אַ מיסטישע שטי־מונג. מען האָט נאָר געפילט דאָס קלאַפן פונעם אייגענעם האַרצן. יעדער איינער האָט זיך פאַרטיפט אין זיינע מחשבות אויפן שוועל פונעם נייעם יאָר. פלוצעם האָט דורכגעשניטן די שטילקייט דאָס מאַנאָטאָנע קול פון ר׳ יצחקן, ווי אַ בת־קול פון ווייטן : „איי, איי, איי ; איי איי איי איי ! החזק במוסר אל תרף״...

ער האָט גערעדט וועגן דער יידישער דת, וואָס די צעבר־שעוועטע כוואַלעס פון בייזן ווילן פאַרשלינגען זי און וועגן דעם ביסעלע מוסר, דער מאָראַלישער דערהייבונג, וואָס איז ווי אַ רעטונגס־שטריק אינעם צעברויזטן ים. און דער רבונו של עולם שרייט צו אונדז : החזק במוסר אל תרף נוצריה, כי היא חייך״. און געענדיקט האָט ער אַזוי : דעריבער לאָמיר אויסשרייען מיט אַלע כוחות „אבינו מלכנו חטאנו לפניך !״. און פון איבער 80 העלדזער האָבן אויפגעהילכט אין דער שטילער נאַכט „אבינו מלכנו חטאנו לפניך !״ די תלמידים האָבן מיטגעזאָגט מיטן דרשן און זייערע קולות זענען געשטיגן העכער און העכער, ביז זיי האָבן אָנגעקלאַפט אין די הימלישע טויערן...

✶

טראָץ דעם וואָס אפילו די פאַרביסנסטע חסידים האָבן מסכים געווען מיט אַ מוסר־ישיבה, טראַכטנדיק, אַז דאָס לערנען מוסר ברענגט נישט צו קיין זינד און ר׳ משה־חיים לוצאטו האָט נישט געשריבן זיין „חובת הלבבות״, כדי מ׳זאָל זיך מיט אים נישט באַנוצן, זענען זיי אָבער נישט געפעלן געוואָרן די משונהדיקע מנהגים פון די ליטוואַקעס ; פאַר וואָס זיי טראָגן נישט קיין גאַרטלען בעת דאַווענען ; דאָס וואָס אומפאַרהייראַטע בחורים זענען די בעל־תפילות פאַרן עמוד ; פאַר וואָס די בעל־תפילות טוען נישט אָן קיין וואָלענעם טלית, נאָר וואַרפן אַרויף אויף די אַקסלען אַ רעקל אָדער אַ פאַלטן ; וואָס זיי גייען קורץ געקליידעט מיט „מאַטשעיוועקעס״ און געקנעפלט ווי עס לאָזט זיך, אפילו פון לינקס אויף רעכטס און מיט דעם זענען זיי עובר אויף אַ „לאו״ : „לא תלכו בחוקת הגויים״. האָט טאַקע ר׳ יצחק איינמאָל אין אַ פורים באַקומען אַנאָנים אַלס שלח־מנות אַ ברייטן זיידענעם גאַרטל. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס וויל מען אים פון דער חסידישער זייט אויספרווון, ווייל אין קעגנזאַץ צו די חסידים, וואָס טענהן אַז ביי די תפילות דאַרף מען טראָגן אַ גאַרטל, כדי ס׳זאָל זיין אַ מחיצה צווישן האַרץ און דער ערוה, האָט דער ראש־ישיבה ווי יעדער ליטוואַק געהאַלטן, אַז ווער ס׳האָט אָן ערלעך האַרץ, איז זיין גאַנצער קערפּער כשר און מ׳דאַרף נישט מאַכן קיין מחיצה ; ביי וועמען די ערוה איז געבונדן מיט זינד איז דאָס האַרץ אויך טרייף און אויך אַ גאַרטל וועט גאָר נישט העלפן. פונדעסטוועגן האָט ער דעם אַנאָנימען נדבן צוליב געטאָן און געטראָגן דעם גאַרטל ביים דאַווענען און אַפילו ווען ער האָט שפּאַצירט שבת ביי טאָג אויף דער גרעבליע. ער האָט זיך נישט געוואָלט איינרייסן מיט די חסידים־שוטים, סוף סוף איז ער דאָך געווען געבונדן מיט דער שטאָט, וועלכע שטעלט צו „טעג״ און נאַכטלעגער פאַר צענדליקער בחורים, וואָס קומען פון דער פרעמד און זענען מקיים דעם „הוה גולה למקום תורה״. ווייזט אויס, אַז ר׳ יצחק האָט שטאַרק געהאַלטן פון דער מימרא „ווילק סיטי אי אווצאַ צאַלאַ״ (דער וואָלף זאַט און דאָס שעפסל גאַנץ).

היינט, מיטן אומקום פון אַזויפיל יידישע לערנער און גדולי הדור, קאָן מען זאָגן, אַז ר׳ יצחק העלפאַנד איז געווען דער פּראָטאָטיפּ פון אַ גייסטיקן פירער, באַשאַנקען מיט אַלע מעלות פון אַ יידישן דערציער און וועגווייזער. אויף אים איז געזאָגט געוואָרן : תורה וגדולה במקום אחד.

ת. נ. צ. ב. ה.